ENBRIDGE
Life Takes Energy

# פייפליין זיכערהייט און עמערדזשענסי אינפארמאציע

## פאר אייער פאמיליע, געגנט און קאמיוניטי



איר האט באקומען דעם בראשור ווייל איר וואוינט, ארבעט אדער פארמאגט פראפערטי נעבן ענברידזש פייפליינס און/אדער פארבינדענע פאסיליטיס. ביטע ליינט און טיילט מיט די וויכטיגע זיכערהייט אינפארמאציע מיט אנדערע. אויב איר פירט א ביזנעס וואס ווערט אפט באזוכט דורך אנדערע מענטשן, מוטיגן מיר אייך צו אריינרעכענען פייפליינס אין אייער עמערדזשענסי פלענער און פראצעדורן.

**עמערדזשענסי נומער: 1-800-231-7794**

**ליינט דעם בראשור, דערנאך סקענ'ט דעם QR קאוד מיט די קאמערא פון אייער טעלעפאן אדער באזוכט enbridge.com/surveys פאר א געלעגנהייט צו געווינען $500.**

**אינהאלט:**


פארזיכערטע גראבן אינפארמאציע **3**
וויאזוי צו באשטימען וואו אייער פייפליינס זענען **4**
פאסיליטיס אינפארמאציע **5**
אריבערגיין רעכט-פון-וועג (right-of-way – ROW) **6**
וויאזוי זיך צו פארבינדן מיט אונז אין פאל פון אן עמערדזשענסי **7**
פייפליין זיכערהייט אינפארמאציע אריינגערעכנט וויאזוי צו דערקענען אז עס רינט און וואס צו טון אין פאל פון א פייפליין עמערדזשענסי **8**


24GTMAPY



# הײנטיגע וויסנשאפט מיינט מארגנדיגע זיכערהייט

מארגן איז מער ווי בלויז די ענערגיע וואס מיר ברענגען אריבער. ס'איז די ענערגיע וואס מיר לייגן אריין. ס'איז די צייט וואס מיר נעמען צו וואלונטירן. ס'איז אונזער איבערגעגעבנקייט צו זעלבסט-פארזארגונג און די ענווייראנמענט. ס'איז די אינוועסטירונג וואס מיר מאכן אין אונזער קאמיוניטי צו פארזיכערן אז די פלעצער וואו מיר לעבן און ארבעטן זענען פארזיכערט און בליענד. ס'איז ווייל אונז זעען די מעגליכקייט פון מענטשן און ווילן צוגעבן צו די וועלט ארום אונז. מארגן קומט שוין באלד אן, און מיר זענען אנטשלאסן עס צו מאכן בעסער.

ביטע סקענ'ט די QR קאוד צו לערנען מער איבער **מארגן קומט שוין באלד אן:** ענבערידזש און די ענערגיע איבערגאנג.

## פייפליין צוועק און פארלעסליכקייט

די פאראייניגטע שטאטן האט די גרעסטע פייפליין נעץ אין דער וועלט. אינפארמאציע געזאמעלט דורך די U.S דעפארטמענט פון טראנספארטאציע באריכטעט אז פייפליינס זענען די מערסטע פארזיכערטע וועג צו פירן ענערגיע רעסאורסן אזויווי קרוד אויל, נאטורליכע גאז און אנדערע פעטראליום פראדוקטן וואס ענברידזש פירט. מיר פארפליכטן זיך צו צושטעלן פארזיכערטע און פארלעסליכע פירונג פון אונזער פייפליין אין אייער קאמיוניטי. יעדע יאר טוט אונזער פירמע אינוועסטירן אין די מערסטע פארגעשריטענע טעכנאלאגיע און טרענירונג צו נאכקומען די הויכע ענווייראנמענטל און זיכערהייט סטאנדארטן ערווארטעט פון די וואס לעבן און ארבעטן נעבן אונזערע פייפליינס.



# ווייסט וואס איז אונטן

**ריזיקע:** פארפעלן צו גראבן זיכערערהייט קען שטעלן אין געפאר אייך, עמערדזשענסי רעאגירער און אייער קאמיוניטי. פארזיכערטע גראבן מיטלען קען ראטעווען אייער לעבן.

ענברידזש האלט אויף א שאדן פארמיידונג פראגראם אין איינקלאנג מיט שטאטישע און פעדעראלע אנווייזונגען. דער צוועק פון דעם פראגראם איז צו פארמיידן שאדן צו אונזערע פייפליין איינריכטונגען פון אויסגראבונג אקטיוויטעטן אזויווי גראבן, אויפהאקן, אויפרייסן, בורן, גראבן א טונעל, בעקפילינג, אדער אנדערע אקטיוויטעטן אזויווי אריבערפירן שווערע עקוויפמענט, סטארעדזש אויפן רעכט-פון-וועג (ROW), א.ד.ג. די שאדן פארמיידונג פראגראם האלט אויך אן אויג אויף די טיפקייט פונעם איבערדעק איבער אונזערע פייפליינס און פירט אדורך רעגלמעסיגע איבערקוקן אויף אונזער ROW צו קוקן פאר אום-אויטאריזירטע וויהיקלס.

אויב איר זעט איינער גראבן אדער שטערן די זאמד און עס איז נישט פארהאן קיין פאן אדער צייכן אויף די ערד, **clickbeforeyoudig.com** ביטע שטעלט אפ די אקטיוויטעט און בעט דעם מענטש צו רופן **811** אדער באזוכן פאר'ן ווייטער גיין. קיינער זאל זיך נישט פארלאזן אויף רייד, מאפעס, געדענקעניש, אדער פייפליין צייכענעס ווען איר פלאנט א גראבן פראיעקט.

ביטע לאזט וויסן פאר גראבערס און קאנטראקטער אז זיי דארפן מאכן א געפונען פארלאנג דורך נאכגיין די שריט אויסגערעכנט אונטן.

## איין-רוף באדינגונגען



1 באטש צוויי צו דריי ביזנעס טעג פאר אייער פראיעקט – סיי ווען איר וועט שטערן די ערד – (געוואנדן אויף שטאטישע געזעץ), רופט **811** אדער באזוכט **clickbeforeyoudig.com**.



2 ווען איר רופט אדער קליקט, וועט איר ווערן פארבינדן מיט א פארשטייער, וואס וועט אייך בעטן צו צושטעלן וויכטיגע איינצלהייטן איבער אייער פראיעקט, אזויווי די סארט ארבעט וואס איר וועט טון, וואו איר וועט עס טון און ווען אייער פראיעקט איז ערווארטעט זיך צו אנהויבן.



3 **811** וועט צושטעלן די אינפארמאציע צו פייפליין אפערעטאר'ס, אזויווי ענברידזש און אנדערע פירמעס מיט באגראבענע יוטיליטיס נעבן די ארבעט פלאץ, שפארנדיג פאר אייך די צייט און מוטשעניש פון זיי דארפן אנרופן פערזענליך.



4 ביז עטליכע טעג, וועלן פראפעסיאנעלע טרעפערס קומען צו אייער ארט און צייכענען אונטערערדישע יוטיליטי ליניעס – אריינגערעכנט פייפליינס (געצייכנט מיט געלע פענער אדער פארב) – אז איר זאלט קענען ארבעטן ארום זיי, און זיך שפארן מעגליכע פערזענליכע אדער פראפערטי שאדנס.

SAFETY IS IN YOUR HANDS. EVERY DIG. EVERY TIME.



## פייפליין ROW און פייפליין ארט

א פייפליין לויפט נאך א שמאלע,ליידיגע שטרעק פון לאנד, אנגערופן א ROW, וואס ערלויבט אונזערע ארבעטערס און קאנטראקטארס צו צוקומען צום פייפליין פאר אונטערזוכונגען, מעינטענענס, טעסטינג און עמערדזשענסיס.

אומגעפערע לאקאציעס פון די פייפליין קענען ווערן באשטימט דורך די פייפליין צייכענער.

אפאר וויכטיגע באמערקונגען ווען עס קומט צו די ROW און פייפליין צייכענערס:

- די פייפליין צייכענערס צייגן די אנפירער'ס נאמען, די פראדוקט וואס ווערט געפירט און אן עמערדזשענסי טעלעפאן נומער.
- עס איז פארבאטן לויט פעדעראלע געזעץ צו אראפנעמען, איבערפלאצירן אדער שעדיגן פייפליין צייכענערס.
- צייכענערס זאלן נישט גענוצט ווערן צו געבן פונקטליכע לאקאציעס און זענען נישט אנשטאט רופן 811.
- פייפליין ROW מוז ווערן געהאלטן פריי פון געביידעס און אנדערע בלאקירערס צו ערלויבן צוטריט צום פייפליין. פייפליינס ווערן פאטראלירט פון די לופט און פון די ערד און בלאקירערס פארמיידן עס צו קענען ריכטיג אונטערזוכן.




לופט צייכענער




ליניע צייכענער




ווענט צייכענער

**צייכענערס אויסזען קען זיין אנדערש אין אייער געגנט.**

## אונזערע זיכערהייט מאסנאמען

זיכערהייט איז, און וועט אלעמאל זיין, אונזער ערשטע פריאריטעט. אונזער טיעם לייגט אריין הונדערטער טויזענטער שעות יעדע יאר צו מאכן זיכער אז אונזערע סיסטעמען ארבעטן גוט און קיין אינצידענטן. מיר אינוועסטירן גאר אסאך אין זיכערהייט מאסנאמען, אריינגערעכנט:

- אונטערזוכונג און פארמיידנדע מעינטענענס פראגראמען
- ארום-דעם-זייגער באאבאכטונג אויף פייפליינס און אנדערע איינריכטונגען
- עמערדזשענסי רעאקציע טרענירונג און מושטירונגען פאר אונזערע ארבעטער און לאקאלע עמערדזשענסי רעאגירער
- פרעשור טעסטן אויף נייע און עקזיסטירנדע פייפליינס
- פאטראל פון די לופט און פון די ערד לענגאויס די פייפליין ROW
- אויטאמאטישע אויסשאלטערונג און רעמאוט קאנטראלירטע וואלווס
- הויכע-קוואליטעט פייפליין מאטריאל און באשיצנדע איבערדעק

ענברידזש האט פארגעשריטענע זיכערהייט מאסנאמען פאר פייפליינס וואס גייען אריבער שטרעקעס פון וואסער און שטארק באוואוינטע אדער ענווייראמענטאל-עמפונדליכע געגנטער.

צו לייגען מער וועגן אונזער פייפליין פארזיכערונג באמיאונגען, באזוכט **enbridge.com/safety**.







## העבער די ערד איינריכטונגען

כאטש וואס רוב ענברידזש פייפליינס זענען אונטערערדיש, טוט אונזער סיסטעם אויך אריינרעכענען נאך איינריכטונגען אזויווי קאמפרעסאר סטאנציעס, מיטערינג סטאנציעס און נאטורליכע גאז אויפהאלטונג. עס איז וויכטיג איר זאלט וויסן וואס צו ערווארטן אלץ א חלק פון די נארמאלע אפעראציעס ביי די איינריכטונגען.

אויב איר באמערקט סיי וועלכע פארדעכטיגטע אקטיוויטעטן אדער אומגעוועהנליכע גערוך נעבן איינע פון אונזערע העבער-דער-ערד איינריכטונגען, רופט גלייך 911, דערנאך רופט דעם ענברידזש 24-שעה עמערדזשענסי נומער פאר אייער געגנט.

## האלטן פייפליינס פארזיכערט

דער ציל פון ענברידזש'ס אינטעגריטי מענעדזשמענט פראגראם איז צו פארבעסערן פייפליין זיכערהייט דורך א סיטסעמאטישע צוגאנג וואס שליסט איין זאמלען אינפארמאציע, אפשאצן ריזיקעס, אפשאצן אינטעגריטי, פארמיידן און פארגרינגערן.

דער U.S. אפטיילונג פון טראנספארטאציע האט אנטוויקלט ספעציפישע הויעך קאנסענקווענץ געגנט (HCA) און מיטלמעסיגע קאנסענקווענץ געגנט (MCA) רעגולאציעס פאר די אפעראציעס און אויפהאלטונג פון פייפליינס. די רעגולאציעס זענען שטרענגער ווי פון נישט-HCA אדער נישט-MCA ערטער און טוט זיך קאנצענטרירן אויף אינטעגריטי מענעזשמענט אקטיוויטעטן פאר באוואוינטע געגנטער און געגנטער ווי עס קען זיין קאמפליצירט צו עוואקואירן מענטשן.

| פאסיליטיס און צוועק | נארמאלע אפעראציעס |
| --- | --- |
| **קאמפרעסאר סטאנציעס** טראגט נאטורליכע גאז דורך דעם פייפליין אויף א באשטימטע פרעשור. | יעדע סטאנציע האט אריינגעבויטע זיכערהייט מאסנאמען וואס קענען אויפכאפן פראבלעמען און לעשן אויטאמאטיש אויס די מאשינען. דורכאויס נארמאלע אפעראציעס, דארף נישט געשפירט ווערן קיין שטארקע גערוך. |
| **מיטערינג סטאנציעס** מעסטן, און **וואלוו ערטער** קאנטראלירן די פלוס פון פראדוקט דורך די פייפליין. | דורכאויס נארמאלע אפעראציעס, דארף נישט געשפירט ווערן קיין שטארקע גערוך. |
| **נאטורליכע גאז סטארעדזש** העלפט צו באלאנסירן סופליי און פארלאנג פאר נאטורליכע גאז. דורכאויס די צייט ווען די געברויך פאר נאטורליכע גאז איז נישט אזוי הויך, ווערט נאטורליכע גאז סופליי אוועקגעלייגט. ווען קאסטומער פארלאנג ווערט העבער, ווערט די סופליי צוריק אריינגעלאזט אין די אינטערסטעיט פייפליין נעץ פאר דעליוורי. | יעדע פאסיליטי האט אריבערגעבויעטע זיכערהייט מיטלען וואס כאפן אויף פראבלעמען און לעשן אויס געצייג אויטאמאטיש. דורכאויס נארמאלע אפעראציעס, דארף נישט געשפירט ווערן קיין שטארקע גערוך. |

# אריבערגיין דעם ROW

אויב סיי וועלכע פון אייערע אקטיוויטעטן וועלן ארויפגיין אויף אדער אריבערגיין אן ענברידזש פייפליין/פארגרינגערונג אדער פארמישן שטערן דעם ערד אינעם ROW, זאל מען זיך פארבינדן מיט ענברידזש פאר אן אפמאך און צושטימונג. באזוכט **enbridge.com/crossings** פאר'ן פלאנירן סיי וועלכע בוי-ארבעט אקטיוויטעט. לאזט אלעמאל וויסן פאר א פייפליין פארשטייער פאר'ן אנהויבן סיי וועלכע בוי-ארבעט אקטיוויטעט נאנט צו א פייפליין ROW.

אפאר ביישפילן פון אקטיוויטעטן רעכענען אריין:

- בוי-ארבעט אדער אינסטאלירונג פון א נייע איינריכטונג איבער, העכער, אויף, לענגאויס אדער אונטער אן ענברידזש פאסיליטעט און/אדער ROW
- ארבעט אדער באוועגונג פון וויהיקלס, מאבייל אפאראטן אדער מאשינען איבער אן ענברידזש ROW, איינדרויסן פון די רייזע טייל פון א הויפט שאסיי אדער פובליק גאס
- סאב-אפטיילונג אנטוויקלונג איבער, אויף, לענגאויס אדער העכער אן ענברידזש ROW פאסיליטעט און/אדער
- אינסטאלירונג אדער אגריקולטוראלע דרעינעדזש טייל איבער, אויף, לענגאויס אדער אונטער אן ענברידזש פאסיליטעט און/אדער ROW
- הויבע עלעקטריק ליניעס וואס גייען איבער אדער לויפן אויפ'ן זעלבן גאנג ווי אן ענברידזש פאסיליטעט און/אדער ROW
- אנהאלטן עקזיסטירנדע גילטיגע איינריכטונגען וואס אפעקטירן ענברידזש פאסיליטעטן, ROW לאנד און/אדער

אלע אייזענע פרעמדע ליניעס דארפן ווערן אפגעשאצט פאר מעגליכע אפעקט אויף אונזער שאדן קאנטראל.

מען זאל אויך מעלדן פאר ענברידזש איבער סיי וועלכע אויפרייס אקטיוויטעטן אין 985 פיס פון אן ענברידזש פייפליין ROW

ביטע סקענ'ט אויב איר אדער איינער וואס איר קענט וואלט געוואלט האבן די אינפארמאציע אין דעם בראשור אין אנדערע שפראך ווי ענגליש.

אין צוגאב צו אפשאצן אייער געפלאנטע אקטיוויטעט, האבן מיר אויך אנווייזונגען פאר בוי-ארעט וואס איר מוזט אויספאלגן ווען איר ארבעט ארום אדער נעבן אונזער ROW. פאלגנד זענען עטליכע אלגעמיינע אנווייזונגען, אבער עס קענען זיין נאך ארבעט-ספעציפישע בוי-ארבעט אנווייזונגען וואס אונזערע פארשטייער וועלן אייך צושטעלן פאר איר הויבט אן אייער ארבעט.

**1** איינמאל איר באקומט שריפטליכע צושטימונג, נויטיגן מיר זיך אין דריי ארבעטס טעג' מעלדונג פאר איר הויבט אן סיי וועלכע ארבעט אדער גראבן איבער אדער נעבן אונזער פייפליין ROW אז מיר זאלן קענען פעלד-געפונען אונזערע פייפליינס. מען טאר נישט גראבן, אריבערגיין, בעקפיל'ן אדער בויען אן די אנוועזנהייט פון א פירמע פארשטייער וואס איז באפולמעכטיגט צו אפשטעלן סיי וועלכע ארבעט וואס ווערט דורכגעפירט אין א וועג וואס איז נישט פארזיכערט.

**2** מען טאר נישט אויפשטעלן א געביידע, סטרוקטור אדער בלאקירונג אין די פייפליין ROW. אויב איר האט פראגעס פארבינדן מיט די ברייטקייט פייפליין ROW, דארפט איר נאר פרעגן און מיר וועלן זיך פרייען צו מיטטיילן די אינפארמאציע מיט אייך.

**3** א פירמע פארשטייער מוז געבן שריפטליכע ערלויבעניש פאר שווערע אפאראטן צו אריבערגיין די פייפליינס ביי סיי וועלכע ארט.

**4** גראבן אין די פייפליין ROW מוז ווערן דורכגעפירט לויט די פירמע-באשטעטיגטע פראצעדורן.

**5** אין צוגאב צו אויספאלגן די באדינגונגען אויבן, מוזט איר אויספאלגן אלע סטעיט און/אדער לאקאלע געזעצן און רעגולאציעס אריינגערעכנט גילטיגע איין-רוף פאדערונגען. צו זען אייער איין-רוף פאדערונגען, באזוכט **clickbeforeyoudig.com** אדער רופט 811.

**אריבערגיין בשעת אן עמערדזשענסי:**

אויב עס פעלט אויס צו אריבערגיין בשעת'ן צוגיין צו אן עמערדזשענסי, ביטע רופט ענברידזש'ס עמערדזשענסי נומער פאר'ן אריבערגיין די ROW.

**נישט-עמערדזשענסי אריבערגאנגען:**

אימעילט ענברידזש אויף **crossingsus@enbridge.com** פאר'ן נוצן דעם ROW.

פאר מער אינפארמאציע, באזוכט **enbridge.com/crossings**.



# פארבינדט זיך מיט ענברידזש




איר קענט געוואר ווערן וואו פייפליינס זענען אין אייער געגנט דורך גיין צו די נאציאנעלע פייפליין מאפע סיסטעם וועבזייטל אויף **npms.phmsa.dot.gov** אדער דורך זיך פארבינדן מיט איינע פון אונזערע פארשטייערס אויף **1-888-293-7867**.

**24 שעה עמערדזשענסי נומער:**
**1-800-231-7794**

אויב איר האט א נישט-עמערדזשענסי פראגע, ענברידזש'ס שאדן פארמיידונג פראגראם, אינטעגריטי מענעדזשמענט פראגראם אדער אפעראציע אין אייער געגנט, קענט איר רופן די פובליק אויפמערקזאמקייט אויף **1-888-293-7867** אדער באזוכן **enbridge.com/uspublicawareness**.

**ליינטאל ROW און לאנד**
1-888-217-9110

**אימעיל**
uspublicawareness@enbridge.com

**וועבזייטל**
enbridge.com/uspublicawareness

**פעיסבוק**
facebook.com/enbridge

**ליינקס פאר מער אינפארמאציע**

אויב איר פלאנט צו דורכפירן ארבעט אזוי ווי בויען א צוים, טיפע טיליגן, ROW, אויפ'ן גראבן א לאך ארבעטן מיט אפאראטן אדער אנדערע אקטיוויטעטן, ביטע שיקט אן אימעיל צו **crossingsus@enbridge.com**.

צו געוואר ווערן מער איבער אונזער שאדן פארמיידונג פראגראם, באזוכט **enbridge.com/damageprevention**.

דער בראשור דעקט אלע ענברידזש-געאייגנטע און/אדער אנגעפירטע נאטורליכע גאז אריבערפירונג און מידשטרים סיסטעם, אריינגערעכנט:

- Algonquin Gas Transmission, LLC
- Big Sandy Pipeline, LLC
- Bobcat Gas Storage
- Brazoria Interconnector Gas Pipeline, LLC
- East Tennessee Natural Gas, LLC
- Egan Hub Storage, LLC
- Enbridge Offshore (Gas Gathering), LLC
- Maritimes and Northeast Pipeline, LLC
- Moss Bluff Hub, LLC
- Pomelo Connector, LLC
- Saltville Gas Storage Company, LLC
- Steckman Ridge, LP
- Texas Eastern Transmission, LP
- Valley Crossing Pipeline, LLC

# קריטישע זיכערהייט אינפארמאציע

**ריזיקע:** איגנארירן די קריטישע זיכערהייט אינפארמאציע אונטן קען פאראורזאכן נאך ריזיקעס פאר'ן פובליק, רעספאנדערס און די ענווייראנמענט.

## דערקענען א פייפליין ליעק

אין די אומערווארטענע פאל פון א פייפליין ליעק, קענען איינס אדער א צאמשטעל פון די פאלגנדע אייך געווענליך העלפן דערקענען א ליעק.

**איר קענט זען:**

- שמוץ ווערט געבלאזן אדער זעט אויס ווי עס ווערט געווארפן צו דער לופט
- פלאמען, אויב גאז ווערט אנגעצינדן
- א ווייסע פארע שטראם אדער פארע וואלקענעס
- אומערווארטעטע פראסט אויפ'ן ערד
- טויטע אדער שטארבנדע געוויקסן און א געווענליך גרין באוואקסענע שטח
- אנגייענדע בלעזלען אין נאסע ערטער אדער ביי א טייכל אדער וואסער

**איר קענט הערן:**

- בלאזן, פייפן, אדער גערודער אנדערש ווי געווענטליך

**איר קענט שמעקן:**

- פייפליינס מיט צוגעלייגטע גערוך: א גערוך פון סולפור אדער פארשימלטע אייער, אנדערש ווי געווענליך
- פייפליינס אן צוגעלייגטע גערוך: א לייכטע גערוך ענליך צו דיזעל ברענשטאף אדער אויל

## ריזיקעס פארבינדן מיט א נאטורליכע גאז פייפליין ליעק אדער בראך

- קאפ שווינדלעריי אויב א ליעק פאסירט אין א פארמאכטע ארט
- פייער אויב ברענשטאף איז אנוועזנד בשעת א ליעק, וואס קען פאראורזאכן בראנדן וואונדן
- מעגליכע איפרייס אויב די נאטורליכע גאז ווערט פארמישט מיט לופט
- זאכן וואס ווערן ארויסגעווארפן פונעם קראפט פון ארויסלויפנדע גאז

## אין פאל פון א פייפליין ליעק

- טאפט נישט סיי וועלכע פליסיגקייט אדער גאז וואס האט געקענט קומען פונעם פייפליין.
- פארט נישט אריין אינעם געגנט.
- בלייבט נישט אין א געביידע אויב דער גערוך איז שטערקער אינעווייניג ווי אינדרויסן.
- צינדט נישט אן און פארלעשט סיי וועלכע זאך וואס קען מאכן א פונק – אריינגערעכנט סעל פאונס, טעלעפאונס, צוויי-וועג ראדיאס, לעקטער סוויטשעס, וויהיקל אלארמס, וויהיקל שליסל-לאזע אריינטריט סיסטעמען און פלעשלייטס – ביז איר זענט אין א פארזיכערטע ארט.
- צינדט נישט אן א שוועבל און פארמיידט אפענע פלאמען.
- פרובירט נישט צו פארלעשן א נאטורליכע גאז פייער.
- עפנט נישט און פארמאכט נישט סיי וועלכע פייפליין וואלוס: לאזט אלע וואלוו אפעראציעס פאר פייפליין פירמע שטאב.

## וואס פאסירט דערנאך?

פובליק זיכערהייט ווערט זיין די העכסטע פריאריטעט ווען ענברידזש, קאנטראקטארס און לאקאלע עמערדזשענסי רעספאנדערס ארבעטן צוזאמען צו אפשאצן און באהאנדלען א פייפליין ליעק. לאקאלע פובליק זיכערהייט באאמטע וועלן באשטימען אויב איינוואוינער זאלן פארלאזן דעם ארט אדער זיך פארזיכערן אויפ'ן ארט.

## שריט פאר א פארזיכערטע רעאקציע

אויב איר זענט אין באלדיגע געפאר, שעדיגט דעם פייפליין אדער זעט אדער פארדעכטיגט אז עס רינט – אפילו אויב איר זענט נישט זיכער ווי ערנסט – נעמט די פאלגנדע שריט:

1. לאזט איבער סיי וועלכע געצייג גענוצט אין אדער ארום דעם ארט, רוקט זיך ארויפציער פונעם פראדוקט פלוס.
2. ווארנט אנדערע צו בלייבן ווייט.
3. **רופט 911.**
4. רופט די טאל-פרי, 24-שעה ענברידזש עמערדזשענסי נומער פאר אייער געגנט: **1-800-231-7794.**
5. פאלגט נאך אנווייזונגען פון אייער לאקאלע עמערדזשענסי רעספאנדערס און ענברידזש.